בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

ס"ג פרשת שופטים
תשפ"ב

יו"ל פר' שופטים תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**


**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8



**© כל הזכויות שמורות**


**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**


kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין מדרש (דב"ר ה, ב) 'זה שאמר הכתוב (משלי ו, ו-ח) 'לך אל נמלה עצל רְאֵה דרכיה וַחֲכָם, אשר אין לה קצין שוטר ומושל, תכין בקיץ לחמה אגרה בקציר מאכלה', דאס מיינט אז מ'קען זיך אויסלערנען פון די 'נמלה' מדת הזריזות און 'כשרון המעשה' אז זי נעמט צוזאמענט און זאמעלט איין, לייגט דער מדרש צו '**ומהו ראה דרכיה וחכם**' - דאס הייסט לכאורה - אזוי וויא ס'שטייט אין **מהרש"א** (חולין נז:), אז דער מדרש מערקט אן אז אויב ס'קומט צו זאגען אז מ'דארף זיך אויסלערנען פון איר נאר דעם מדת הזריזות, אויב אזוי וואלט געדארפען שטיין 'ראה **דרכה** וחכם', וואס איז דאס וואס שטייט 'דרכיה' א לשון רבים. נאר ס'מיינט צו זאגען אז אויסער די מדת הזריזות דארף מען זיך אויך אויסלערנען פון די 'נמלה' נאך א זאך - 'רְאֵה דרך ארץ שיש בה שבורחת מן הגזל, מעשה בנמלה אחת שהפילה חיטה אחת והיו כולם באות ומריחות בה ולא היתה אחת מהן נוטלת אותה, וכל השבח הזה שיש בה שלא למדה מבריה ולא שופט ולא שוטר יש לה, אתם שמניתי לכם שופטים ושוטרים על אחת כמה וכמה שתשמעו להן, הוי שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך'.

**בפשוטן** של דברים קומט אונז דאס אנווארענען אז מ'טאר נישט גזלנ'ן כפשוטה, און דער צייט דערויף איז בשעת ווען מען ליינט פרשת שופטים - אין חודש אלול, ווייל אזוי וויא מען איז בודק אין חודש אלול די תפילין מיט די מזוזות, איז אוודאי דארף מען בודק זיין די קעשינע און די בייטלעך צו זעהן אויב מ'האט דערין כשר'ע געלט, און אז ס'דא נישט דא אינדעם קיין חשש גזל.

**אבער** דער **חידושי הרי"מ** זי"ע האט געזעהן אינעם מדרש א אנדערע נקודה, און אזוי עס ווערט אראפ געברענגט אין זיין נאמען, אז ס'אמאהל געקומען צו איהם א גרויסער חסיד וואס ער האט שוין געמיינט אז ער דארף שוין נישט האבען קיין רב און קיין רבי, און דער חידושי הרי"מ זי"ע האט איהם געוואלט מרמז זיין אז ער דארף נאך יא האבען

א מורה דרך, האט ער איהם געזאגט אז לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז שייך צו זאגען אז דער ׳נמלה׳ לויפט אוועק פון גזילה, אט איז דאך דער ׳נמלה׳ פיהל מיטען זינד פון גזל, ווייל די נמלה אקערט נישט און זייט נישט, און איר גאנצע עסען קומט פונדעם וואס זי גזל׳ט פון די פעלדער פון די בעלי בתים, נאר דער ענטפער דערויף איז, אז דאס אלעס קומט צוליב דעם וואס זי האט נישט קיין ׳קצין׳ ׳שוטר׳ און ׳מושל׳, ווייל אויב זי וואלט געהאט א קצין שוטר און א מושל, וואלט נישט געווען ביי איהר דעם סדר אז ס׳איז מותר צו גזל׳ן פון אנדערע. און דאס איז וואס ס׳שטייט **׳ראה דרכיה׳** - ווי זי ערלויבט זיך צו גזל׳ן פון אנדערע, **׳וחכם׳** - זיי דו א חכם נישט צו טוהן ווי איהר, נאר דו זאלסט יא זעהן צו האבען א קצין שוטר און מושל (ראה ליקוטי הרי״מ משש״ק).

**און** מ׳דארף צו פארשטיין וואס דער חידושי הרי״מ מיינט, ווייל פון די מדרש איז ערקלערט אז ס׳קומט משבח זיין דעם נמלה - **׳וכל השבח הזה שיש בה׳**. נאך דארף מען אנמערקען, אז לויט זיינע ווערטער אויב דער ׳נמלה׳ וואלט געהאט א קצין אדער א שוטר און א מושל וואלט זי נישט גענומען פונעם גזל, געוויס אבער איז לכאורה פארקערט, זי וואלט מער גע׳גזל׳ט, אזוי ווי ס׳איז די שטייגער פון די קעניגען וואס זיי שיקען צו גזלנ׳ן און איינזאמלען נאך רויב. נאר אין די ווערטער פון די חידושי הרי״מ איז באהאלטען די באדייט פונעם מדרש ברמזי דחכמתא.

**כ״ק אאז״ל** (פני מנחם תזמ״צ עמ׳ קיג) ברענגט די מדרש (ויק״ר יד, א) ׳אחור וקדם צרתני׳ (תהלים קלט, ה) - **׳אם זכה אדם אומרים לו אתה קדמת לכל מעשה בראשית, ואם לאו אומרים לו יתוש קדמך׳**, און ער ערקלערט אז ס׳שטייט אין די גמרא (עירובין ק:) אויפ׳ן פסוק (איוב לה, יא) ׳מַלְּפֵנוּ מבהמות ארץ ומעוף השמים יְחַכְּמֵנוּ׳ - אילמלא לא ניתנה תורה היינו למידין צניעות מחתול [ולחד גירסא מגמל (עי׳ דק״ס שם. ועי׳ רש״י וישלח לב, טז מב״ר שם, ועי׳ ירושלמי כתובות פ״ה ה״ז, ועי׳ רשב״א וריטב״א ב״ב צג. ד״ה גמל האוחר)] וגזל מנמלה וכו׳, און ס׳מיינט נישט אז נאכדעם וואס מ׳האט שוין געגעבען די תורה ווייסען מיר

פון די תורה דער זעלבע זאך וואס מיר וואלטען געלערנט פון די בעלי חיים, נאר ס'מיינט א טיפער'ן כוונה, אז יעצט דערנאך וואס מען האט אונז געגעבען תורה, איז שוין דא א העכער'ן וועג פון וואס מיר וואלטען זיך אויסגעלערנט פון די בעלי חיים. און דאס איז די אינזיכט אין די מדרש, אויב א מענטש האט זוכה געווען האט ער דעם דרך התורה וואס דאס איז אסאך א העכער'ן מדרגה, אבער אויב ער איז נישט זוכה, און ער קומט זיך אויסלערנען מדות פון די בעלי חיים, דעמאלט זאגט מען איהם יתוש קדמך, ד. ה. דעם סארט דרגה און זיך לערנען איז נישט קיין חידוש פאר'ן מענטש, ווייל נאך איידער דער מענטש איז באשאפען געווארען, זענען שוין באשאפען געווארען די בעלי חיים וואס האבען די סארט מדות, און פון זיי קומט דו זיך לערנען (ועי' פני מנחם חיי שרה עמ' קכא ד"ה איתא, משפטים עמ' קיח ד"ה ואת ועמ' קכח).

**און** לויט זיינע ווערטער קען מען געבען צו פארשטיין דער אונטערשיד צווישען גזילה וואס דער 'נמלה' געבט אכטונג דארפון, און צווישען דאס וואס דער תורה האט אונז באפוילען דעם לאו פון לא תגזול, ווייל ס'דא א ענין נישט צו גזלנ'ן - אזוי ווי די **קדמונים** רופען דאס אן - אלץ א 'סדר המדיני', ווייל אויב יעדער איינער וועט צו נעמען פונעם צווייטען און איהם גזלנ'ן, וועט דאך דאס שטערען צו די 'ישובו של עולם', אזוי וויא מיר האבען געלערנט (אבות פ"ג מ"ב) 'אלמלא מוראה של מלכות איש את רעהו חיים בלעו', און דעריבער דארף זיין א סדר אין דער וועלט אז מ'טאר נישט צו נעמען איינער פונעם צווייטען. און דער 'נמלה' איז אויסגעצייכענט דערין ווייל זי לויפט אוועק פון א גזילה - זי נעמט נישט פון איהר חבר'טע, און טראצדעם וואס איהרע גאנצע עסען וואס זי עסט איז איין שטיק גזילה פון די פעלדער פון אנדערע מענטשען, אבער דאס שטערט נישט צו די 'סדר המדיני' [ווייל די בעלי השדות ווייסען אז ס'איז פארהאן נמלים וואס נעמען, און רוב פון די זאכען וואס זיי נעמען איז ווייץ - חיטים וואס סיי ווי סיי איז דאס אראפ געפאלען אויפ'ן ערד, און די נמלים נעמען נישט קיין זיין גרויסען כמות וואס ס'זאל שטערען צו די סדר העולם], און נאר אויב די

נמלים וואלטען געגזל'ט צווישען זיך, דעמאלט וואלט דאס געשטערט צו זייערע סדר אין די וועלט.

**אבער** ווען די תורה האט מחדש געווען און געזאגט די לאו פון 'לא תגזול', איז נתחדש געווארען אז די איסור צו גזלנ'ן איז נישט נאר צוליב די 'סדר המדיני' און ישובו של עולם אז מענטשען זאלען זיך נישט ארום שלאגען איינער מיט'ן צווייטען, נאר דאס איז מיט א אנדערען בליק און א העכערע און א געהויבענע קוק, און דער יסוד פונעם איסור איז פון דער וויסענשאפט אז 'לה' הארץ ומלואה' (תהלים כד, א), און יעדער איינער און איינער איז מופקד אויף זיין טייל וואס דער אייבערשטער האט מפקיד געווען ביי איהם צוליב די קיום פון זיין שליחות, דאס איז די אינערליכע מהות פון דעם איסור גזילה וואס מ'האט געגעבען פאר די יודישע קינדער. און דאס האט א שורש אין הלכה, וויל אין **שיטה מקובצת** (תמורה ו. אות ד ואות ה) און אזוי אויך אין **חזון איש** (ב"ק סי' טז סקי"ג) און נאך אחרונים שטייט אז אנדעם לאו פון 'לא תגזול' וואלט בכלל נישט געווען די סארט באגרייף וואס הייסט 'בעלות' - א אייגענשאפט אז ס'איז פארהאנען זאכען וואס געהערען צו מיר און ס'דא זאכען וואס געהערען צו דיר, ווייל ס'איז טאקע דא א 'סדר המדיני' אז מ'טאר נישט נעמען איינער פונעם צווייטען, אבער נישט צוליב די אייגענשאפט - בעלות פונעם זאך.

**און** דער מענטש דארף האבען פארשטאנד און פארשטיין אז אויך דאס וואס געהערט צו איהם, איז נישט אין אמת'ן אריין זיינע - נאר אלץ געהערט צום אייבערשטען, און ס'איז איהם געגעבען געווארען נאר אלץ א פקדון, און אזוי וויא מיר האבען שוין אמאהל דערמאנט אינדעם וואס חז"ל זאגען (תנחומא צו א, והובא ברש"י ויקרא א, ב) 'מה אדם הראשון לא הקריב מן הגזל שהכל היה שלו, אף אתם אל תקריבו מן הגזל'. פרעגען די **קדמונים** (עי' מושב זקנים שם) אז ביי אדם הראשון וואס ער איז געווען איינער אליינט אויפ'ן וועלט - יחידי בעולם, איז בכלל נישט געווען קיין מציאות פון גזל, און אויב אזוי 'וכי דנין אפשר משאי אפשר'. נאר די ענטפער דערויף איז, אדם הראשון איז געווען יציר כפיו פונעם

אייבערשטען, און טראַצדעם וואָס ער איז איין איינציקע אויפ'ן וועלט און דער גאַנצע וועלט איז געווען אונטער זיין רשות, פונדעסטוועגן איז איהם געווען קלאָר און דייטליך אַז אַלעס איז שייך צום אייבערשטען, און דאָס מיינען חז"ל מיט דעם וואָס זיי זאָגען אַז אדם הראשון לא הקריב מן הגזל, ווייל ער האָט אָנערקענט דעם אייבערשטען, און ער האָט געוויסט אַז די וועלט איז נישט זיינע, און ער האָט מקריב געווען מיט אַ וויסענשאַפט און אַ געפיהל אַז אַלעס איז פונעם אייבערשטען (עי' פר' ויקרא תשע"ב - עבד"ד ח"ב עמ' קח-קיא). און דעם סאָרט געפיהל דאַרף אויך זיין ווען מען געבט אַכטונג פון גזל, מיט אַ וויסענשאַפט אַז דער גאַנצע וועלט מיט אַלע איהרע הנאות איז נישט זיינ'ס, און אויף יעדער געוויסע זאַך פרעגט ער זיך צודען מעג איך טאַקע הנאה האָבען דערפון.

**און** אויב דער מענטש איז זוכה זאָגט מען איהם 'אתה קדמת למעשה בראשית', ער דערהייבט אויך די בעלי חיים, אַזוי וויאָ מיר טרעפען אין פרק שירה, אַז די שירה פון די **נמלה** איז דער פסוק (תהלים קלו, כה) '**נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו**', ווייל נאָכדעם וואָס מ'האָט געגעבען די תורה - און דער מענטש האָט זיך דערהויבען צו פאַרשטיין דעם אינערליכ'ן אינזיכט פון לא תגזול, דעמאָלט האָבען זיי אויך אַ התעלות, און טאַקע די נמלה האָט נישט די באַגרייף פון לה' הארץ ומלואה, אָבער זייערע שירה איז אַז ס'דאָ ווער וואָס איז 'נותן לחם לכל בשר', ד. ה. אַז דאָס איז נישט נאָר אַ 'סדר העולם' ביי די נמלים, נאָר 'נותן לחם לכל בשר' - דער אייבערשטער וואָס איז מנהג בטובו וחסדו און ער שפייזט אַלע באַשעפענישען.

**און** דאָס איז וואָס ס'שטייט אין מדרש אין אונזער פרשה, דער מדרש הייבט אָן מיט'ן פסוק (טז, יח) '**שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך** וגו' **אשר ה' אלקיך נותן לך**', אַז ס'ליגט אַ אויפגאַבע אויפ'ן מענטש צו געדענקען '**אשר ה' אלקיך נותן לך**' - געדענקען אַז דער אייבערשטער געבט דיך, דער נמלה טאַקע געבט אַכטונג פון גזל לויט איהר פאַרשטאַנד אַז ס'העלפט צו ישובו של עולם, און דאָס איז אַ שבח און אַ

מעלה פאר איהר, אבער '**אתם שמניתי לכם שופטים ושוטרים על אחת כמה וכמה שתשמעו להן**' - ענק וואס האבען באקומען די תורה און מ'האט ענק געזאגט 'לא תגזול' מיט דעם פארשטאנד אז 'לה' הארץ ומלואה', און עטץ זענט'ס באפוילען געווארען צו באשטימען פאר אייך שופטים און שוטרים וואס ווייזען דעם ריכטיג'ן וועג, '**על אחת כמה וכמה**' - דארפען ענק אכטונג געבען פון גזילה אויף אסאך אן העכער'ן מדרגה, מיט אינגאנצען א אנדערע סארט געפיהל - א געפיהל נישט צו נעמען פון יענעם וויבאלד אז אלץ איז פון אייבערשטען [און אזוי האט דער חידושי הרי"ם זי"ע מרמז געווען פאר יענעם חסיד, אז אויב דו וועסט האבען א 'מורה דרך', וועט דיין ארבעט זיין אויף א אנדערען מדרגה, און אויף אסאך אן העכער'ן אופן].

**און** דאס איז געזאגט געווארען נישט נאר ביי גזילה, נאר אזוי איז ביי אלע הנאות פון די וועלט, דער מענטש דארף זיך אונטערזיכען אויב ער מעג טאקע הנאה האבען דערפון, אויפ'ן שטייגער וואס ס'שטייט אין די גמרא (ברכות לה.) 'כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאילו נהנה מקדשי שמים שנאמר לה' הארץ ומלואה', און אזוי שטייט אויכעט 'כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאילו גוזל להקב"ה'. און אויפדעם זענען מיר זיך מתודה ביי נעילה 'למען נחדל מעושק ידינו', אזוי ווי עס שטייט אין **ספרים** אז ס'ווערט נכלל אינדעם אלע עבירות, ווייל א הנאה וואס איז נישט געווידמעט פאר דיינע וועגען, און אויך אין א הנאה וואס מען האט געגעבען פאר'ן מענטש - אויב ער האט הנאה דערפון מיט א געפיהל אז דער וועלט איז זיינער, איז דאס בכלל גזל (עי' שפ"א נח ונשא תרל"א, ועי' אוצר דרשות ח"א עמ' קמז ועמ' קנח, ועבד"ד ירח האיתנים עמ' פ ועמ' ריז-ריח). און מען קען דאס אנערקענען און פארשטיין, נאר אויב '**אם זכה**' - אויב ער דערהייבט זיך און לעבט מיט א געפיהל אז לה' הארץ ומלואה.

**און** מיט דעם קען מען געבען צו פארשטיין דאס וואס מיר בעטען אין די טעג אינעם קאפיטעל פון לדוד ה' אורי וישעי 'שבתי בבית ה' כל ימי חיי', ווייל דער גאנצע וועלט איז א בית ה', און אזוי וויא ס'שטייט אין ירושלמי (קידושין פ"א ה"ו) אז דערפאר איז 'אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט' וויבאלד אז 'לה' הארץ

ומלואה', און ער האט דאס קונה געווען מיט א קנין חצר, ווייל 'כל היכא דאיתא בי גזא דרחמנא איתא'. און דאס איז די בקשה שבתי בבית ה', **מיר זאלען האבען די געפיהל אז דער גאנצע וועלט איז נאר 'בי גזא דרחמנא', כל ימי חיי - מיין גאנצע לעבען און אלע מיינע מעשים זאלען זיין מיט א וויסענשאפט און א געפיהל אז אלעס איז פונעם אייבערשטען.**

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען האבען דער אמת'ע און ריכטיגע יודישע הרגשה פון 'בי גזא דרחמנא' וואס מיר דארפען שפירען ווען מען געפינט זיך דא אויף די וועלט.

**שטייט** אין פסוק (יט, ג) **'תכין לך הדרך'**, זאגט רש"י אין נאמען פון חז"ל (מכות י:) 'מקלט מקלט היה כתוב על פרשת דרכים כדי שיכיר הרוצח ויפנה לשם'. שטייט אין די גמרא (מכות שם) רב חמא בר חנינא **פתח לה פתחא** להאי פרשתא מהכא (תהלים כה, ח) 'טוב וישר ה' על כן יורה חַטָּאִים בדרך', און בפשטות מיינט 'פתח לה פתחא' אז ער האט אנגעהויבען צו דרשנ'ן דעם פרשה על דרך אגדה פון דעם פסוק, אבער רבוה"ק

זי"ע האבען געטייטשט דעם לשון חז"ל פון 'פתח לה פתחא', **אז ס'מיינט אז זיי האבען געעפענט א עפענונג - פתח אין די יודישע הערצער**, זיי האבען אונז אנטפלעקט אז פונדעם פסוק קען מען טרעפען א עפענונג - פתח וואס דורך איהר קען מען אריינגיין (עי' אמרי אמת פורים תרצ"ד ד"ה איתא בגמרא והאזינו תער"ב ד"ה אאזז"ל, ועי' פני מנחם פורים עמ' קפה ועמ' ר). אונז פון רוב אונזערע זינד איז טחו עינינו פון צו זעהן, עד כדי אז מיר טרעפען נישט דעם ריכטונג און מיר זעהן נישט דעם וועג. אבער **'טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך'**, אזוי וויא ביים עיר מקלט איז געווען געשריבען 'מקלט מקלט' כדי דער רוצח זאל וויסען ווען ער געפינט זיך ביי א 'פרשת דרכים' ווי אהין ער דארף צוגיין, אזוי אויך **'יורה חטאים בדרך' - פאר** יעדער איינער וואס זינדיגט, וויא און וועלכע אומשטאנד וואס ער געפינט זיך נאר, אויב ער וועט נאר עפענען זיינע אויגען און אויב ער וועט נאר וועלען באמת, וועט ער קענען זעהן ווי אהין צוגיין, און ווי אזוי צו פארעכטען, און ווי אזוי צו טוהן דאס וואס ליגט אויף איהם.

**דער שפת אמת** (מסעי תרל"ד ותהלים שם) איז מדייק אין לשון הפסוק יורה '**חטאים**' בדרך, לכאורה וואלט געדארפען שטיין יורה '**חוטאים**' בדרך [אזוי ווי מען האט מדייק געווען אין די גמרא (ברכות י.) אויפ'ן פסוק (תהלים קד, לה) 'יתמו חטאים מן הארץ', און זעה באריכות ס"ג וירא תשפ"ב מאמר ב], ענטפערט דער שפת אמת לדרכו און לויט דאס וואס ס'שטייט אין **תומר דבורה** אז פון יעדער חטא ווערט באשאפען א משחית, עי"ש. און לויט ווי מיר רעדען קען מען טייטשען דאס וואס ס'שטייט 'חטאים', אז ס'מיינט אז אמאהל געשעהט אז דער מענטש איז אזוי אריין געטוהן און איינגעזינקען אינעם חטא און ער ווערט פארקויפט צו די עבירות שבידו, עד כדי אז לויט זיין איינרעדעניש און לויט זיין טעות און זיינע פארמאכטע אויגען איז דער חטא א חלק פון איהם, און ער שפירט אז דער חטא און ער זענען איינס, ער שפירט אז ער איז נישט בגדר פון א 'עבריין' וואס האט געזינדיגט - נאר ער אליינט איז א 'חטא', דאס הייסט אז דער פסוק 'יורה חטאים בדרך' רעדט טאקע אויף 'חוטאים', אבער אויף אזעלעכע חוטאים וואס אין זייערע אויגען זעהן זיי אויס אזוי ווי 'חטאים' (עי' ס"ג הנ"ל משפ"א לקוטים פר' לך). און אויך אויף אזעלעכע מענטשען וואס זענען אזוי איינגעזינקען און אריינגעטוהן אינעם חטא, איז געזאגט געווארען 'טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך', אויך זיי האבען א וועג פון תשובה, ווייל ס'דאך דא דעם בת קול וואס גייט ארויס יעדען טאג און רופט אויס 'שובו בנים שובבים' (עי' זוה"ק ח"ג קכו.) - און דאס איז געזאגט געווארען פאר יעדער איינער און איינער, און מ'קען נישט מערער זיין אויף די מאמר פונעם אייבערשטען בכבודו ובעצמו, און ס'ליגט אויפ'ן מענטש א אויפגאבע צו עפענען זיינע אוירען און הערען דעם בת קול, ער זאל עפענען די אויגען און זעהן די וועג פון תשובה וואס איז אפען פאר איהם, ערוועקען די הארץ צו וועלען באמת תשובה טוהן, און זיך צוגרייטען אזוי וויא ס'דארף צו זיין לקראת ראש השנה.